STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04580

FAR TOG

A. Waiter

Permanent preservation of this book was made possible by Ruth Chodos

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. וויטער.

פאר טאג

א דראמאטישע פאעמא.

פיער אקטען.

פערלאג „די וועלט“.
ווילנא.

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא.

פערזאנען:

סאָניאַ.
די אומגעקומענע.
די יונג־פרוי.
די שוועסטער.
די מוטער.
די אַלמנה מיט איהר קינד.
דער אונבעקאַנטער.
דער זיידע.
דער טאטע.
ער.
ערשטער גאַסט.
צווייטער גאַסט.
דריטער גאַסט.
פיערטער גאַסט.
דער פריץ.

ערשטער אקט.

א צימער פון א שטודירענדער פרוי. — קעגען די צוזעהער — די איינגאנגס־טיר. צווישען טיר און וואנד אויף רעכטס — א זאפא. ווייטער אין ווינקעל — א'געטאזשערקע מיט ביכער. ביי דער רעכטער וואנד, ביים פענסטער — א שרייב־טיש; אויף איהם — ביכער, פאפיער, פערשיעדענע שרייב־געצייג, קינסטלער־אר־בייט, א שפיגעל און וויזיט־פארטרעטען. — ביי דער לינקער וואנד — א בעט. — אין ווינקעל — א וואש־טיש און א שפיגעל.

ווייטער, נעהנטער צום טיר — א קליידער־אלמער. אויף די וועגד גראווירען און פארטרעטען. איבער'ן בעט — א גרויסע גראווירע „נאכט": א שעהנע יונגע פרוי, נאקעט.

נאכט. אויפ'ן טיש ברענט א לאמפ אונטער א בלויען קויל. —

די רעוואלוציאנערע צייט פון 1905 יאהר.

אין דער שווייץ, בערן.

(רעכטס און לינקס פון שוישפיעלער).

צווייטער גאַסט.

בערן שלאָפט ניט, שטעלט זיך פאָר!
איינס אַ זייגער, בערן וואַלט!...

סאָניאַ.

עמייך געהט, געווים מיט נייעס.

צווייטער גאַסט.

די געזעצטע בערנער בירגער,
קאַלטע, גלייכמוטיגע שווייצער,
קריכען אום אין מיטען נאַכט
מיט'ן פרומען ווייב ביי'ן האַנד.

(לאַכט).

דריטער גאַסט.

(קומט אָן).

קיינער ווייסט ניט גענוי,
איינער זאָגט: הונדערטע טויזענד...
איינגע געשלאָסענע רייהען,
פאָראוים געהט אַ פאָפּ.
אַנדערע זאָגען: מיליאָנען;
פערברעכער פון טורמעס געלאָפען,
די שטאָדט פון פיער עקען געצונדען,
די הייזער צורויבט...
מען זאָגט נאָך, אַז טויזענדטע טוידטע,
פערוואָרפען די גאַסען מיט גופ'ן...
וואָס טהוט זיך!...

צווייטער גאַסט.

דער סוף פון דער וועלט.

דריטער גאַסט.

דער סוף, צי דער אָנהויב, — ווער ווייסט עס,
ווער קאָן דאָס בענעהמען, וואָס עס טהוט זיך...

אַ מחנה גערט, פֿאַראויס אַ קרייץ
און גערט און דינגט און בעט...
פֿינף הונדערט — טוידט, פֿערוואונדעט — מעהר
און געהט...
איך געה, כ'האָב קיין צייט.
(צום צווייטען).
קומט מיט. מען וואַרט...
(ביידע אָב).

ערשטער גאַסט.

אַ מחנה געהט.

סאָניא.

און גלייבט.

ער.

און פֿאַלט.

ערשטער גאַסט.

און שטעהט דאָך אויף.
אַ וואוילע צייַט.
גאַנצע דורות, צווערגען־דורות
זענען נישטיג אומגעקומען,
דורכגעקראָכען, גראָהע, שוואַכע,
אָבגעלעבט און אויסגעלאָשען —
קליינע דורות.

סאָניא.

מיאוס'ע דורות.

ערשטער גאַסט.

קומט אָן איצט דער נייער יוד...
בלומען־קראַנצען פֿלעכט די צוקונפֿט
פֿאַר דעם נייעם יודען.

ע ר.

(געהט אַב).

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט.

פֿאַר דער נייער יודישער פֿרוי
פֿלעכט איהר קראַנץ די צוקונפֿט.
דער בלומען=קראַנץ — ער וואַרט אויף אייך.

ס אָ נ י א.

אויף מיר?... דער בלומען=קראַנץ?

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט.

אויף אייך...
איהר פֿאָרט אַהיים,
עס וואַרט דאָס היים, עס בענקט און האָפֿט,
עס רופֿט די קינדער פֿון דער פֿרעמד,
עס וואַרט אויף די, וואָס זענען יונג,
וואָס זענען שטאַרק און שטאָלץ און דרייסט,
עס רופֿט און וואַרט.

ס אָ נ י א.

אויף מיר?

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט.

אויף אייך.
איהר זענט... איהר זענט...

ס אָ נ י א.

ווער בין איך, זאָגט.

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט.

איך האָב שוין אייך איינמאָל געזאָגט
און... עס פֿערדריסט מיר דערויף...

ס אָ נ י א.

(ג ע ה ט אָ ב א ו נ צ ו פֿ ר י ע ד ע ן צ ו ם פֿ ע נ ס ט ע ר).

ערשטער גאַסט.

איהר זענט די וואונדער פון דער יודישער וועלט,
איהר זענט דער אוצר פון דער אַלטער ירושה,
איהר זענט די פרייד פון דעם קינות־געוויין,
איהר זענט די טרויער פון דער פערגעסענער שמחה.

(געהט צו איהר).

איהר פאָהרט אַוועק! וואָס בלייבט איהר דא?
וואָס איז ער אַייך...
פון דעמאָלט אָן
געה איך אַייך נאָך און ס'האַרץ געהט אויס
און זוכט אייך אַלץ און זוכט אומזיסט.
וואָס איז ער אַייך?

סאָניא.

ניט ער, איך בין אַליין.
פערלאָזען, איינזאַם... ווער, זאָגט איהר, בין איך?
פון אַ פערגעסענער שמחה די טרויער?
(נאָהענט צו איהם).
אפשר אַ שטראַהל אַ פעראירטער.
אפשר אַן'אָבקלאַנג אַ פאַלשער,
אפשר אַ צער אַ פערטויבטער,
אפשר אַ וואונד אַ פערהיילטע?
עפענט זיך ווידער די וואונד...

ערשטער גאַסט.
קומט, לאָמיר היילען די וואונד,
קומט, לאָמיר שטילען דעם צער,
קומט־מיט מיט מיר!

סאָניא.
מיטגעהן מיט אַייך?
ס'האָט שוין אַמאָל מיך גערופען אַריין

אַ שלאַנקער און דרייסטער, ווי איהר.
נאָר אַנדערע אויגען האָט יענער געהאַט,
שטראַהלענדע אויגען האָט יענער געהאַט,
בעפעהלענדע אויגען...

ערשטער גאַסט.
(מיט פערדרוס).
זיי געהען צוריק!...

סאָניא.
ווען איהר היילען מיין וואונד?
ווען איהר שטילען מיין צער?
(עס קומען אָן: ער און דער צווייטער גאַסט)

צווייטער גאַסט.
שלאָפט די צייטונג! בערנער בירגער!
דאָרטען ברענט עס, דאָרטען שטורעמט,
די ערד צושפּאַלט זיך, הימלען שרייען,
נאָר דאָ שלאָפט דער עולם רוהיג.
שלאָפט אייך רוהיג.

סאָניא.
גאָר קיין נייעס?

צווייטער גאַסט.
גאָר נישט, גאָר נישט! אַלץ דאָס זעלבע.

סאָניא.
וואָס קאָן דאָס זיין?

ער.
נו, וואָס קאָן זיין!
אַ ווילדע נאַכט. מען ווערט פערדולט,
מען ליפט, מען איילט. אַ יודישער מאַרק.

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט.

איהר לויפֿט דאָך איך.

ע ר.

אַך, לאָזט צורוה.

ס אָ נ י א.

דו לויפֿסט דאָך איך?

ע ר.

איך לויף צודולט.
אַז דאָ קומט אָן צוזאַמען אַלײן...

ס אָ נ י א.

וואָס ווילסטו?

ע ר.

גאָר נישט!...
(פ ו י ז ע).

צ װ ײ ט ע ר ג אַ ס ט.

אָט דאָס איז אַ נאַכט.

ס אָ נ י א.

אַ שטורעם־נאַכט.

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט.

בעפֿעהלענדע אויגען בעדאַרף מען צו איהר,
שטראַהלענדע אויגען פֿערלאַנגט אַזאַ נאַכט...
פֿעהלט אין דער פֿינסטער דער שטראַהל,
פֿעהלט צו בעפֿעהלען די מאַכט —

ס אָ נ י א.

און אַז ער בלאָנדזשעט דער שטראַהל,
און אַז דער אָפּקלאַנג — ער נאַרט?

און אַז ס'איז פערשוויגען דער צער?
און אַז ס'איז די וואונד ניט פערהיילט? —
בלייבט דער פערוואָגעלטער וועג
פון דער שטורמישער נאַכט...

צווייטער גאַסט.

אַ משונה-נאַכט, אַ פלאָנטער-נאַכט.
(פויזע).

סאָניא.

וואָס טהוט זיך דאָרט?
פינסטערע גאַסען מיט פאַקעל בעלויכטען,
בלייכע געזיכטער מיט פלאַמענדע אויגען...
שלאָפט דאָרט עמיץ היינט ביי נאַכט?
אויף די טויטע וויינט דאָרט קיינער,
קיינער בענקט ניט דאָרט, ווי מיר...
דאָ איז פייכט און נאַס און פויל...
דאָרט איז ווינטער... ס'קראַכט דער פראָסט,
ס'שימערט, פינקעלט פערעל-שנעע
אויף די בלאָהליך-ווייסע פעלדער...
דאָ איז פייכט און נאַס און פויל...
(לענגערע פויזע).

צווייטער גאַסט.

אַ, מען דאַרף שוין געהן! קומט מיט!

ערשטער גאַסט.

שוין טאַקי שפעט!...
(זיי נעהמען אָבשיעד. ער לאָזט זיי הורך.
סאָניא בלייבט שטעהןביים פענסטער).

סאָניא.

דאָ איז נאַס און פויל...
(פרובט זינגען שטיל).

„אַמאָל האָט אַ יונגפרוי בײַם טײַכעל געלעבט
„און געזעסן פון שטראַהלען און גינ-גאָלד געוועבט...
„אַ יונגלינג אַ שלאַנקער פלעגט קומען צו געהן,
„פלעגט קומען טאָג-טעגליך צום טײַכעל צוגעהן...“
(זי הערט ניט, ווי עס עפענט זיך די טהיר און ער קומט צוריק. ער שטעהט און הערט זיך צו טרויעריג. עס ווערט שטיל).

ער

סאָניא!

סאָניא.

(ערשראָקען).

וואָס?

ער.

וואָס איז מיט דיר?

סאָניא.

מיט מיר? מיט מיר איז גאָרנישט!...

ער.

ניט העד אַזוי! כ'זעה דאָך אַלץ:
איך בין דיר פרעמד, ביזט גיט מיט מיר!...
איך פיהל, ווען מיך האָט סאָניא ליעב,
איך וויים, ווען די איז ווייט פון מיר...

סאָניא.

נו, קום צו מיר!
(זי זעצט זיך. ער געהט צו און זעצט זיך בײַ איהרע פיס).
אַזוי!
(זי גלעט איהם די האָר).
דיי שטיל! דיי שטיל!

„און נעצען פֿון שטראַהלען אין גינ=גאָלד געוועבט...
„און נעצען פֿון שטראַהלען און גינ=גאָלד...

ע ר.

עס שוועבט היינט אַ טרויער אין צימער בײַ דיר...
וואָס איז מיט דיר, סאָניא? דו פֿענגסט דאָך נאָך וואָס...
הערצעהל מיר, נאָך וואָס?

ס אָ נ י א.

„און נעצען פֿון שטראַהלען און גינ=גאָלד געוועבט...
אַמאָל האָט אַ יונגפֿרוי בײַם טײַכעל געלעבט..."

ע ר.

הערצעהל מיר, נאָך וואָס?

ס אָ נ י א.

איך בענג אַהיים... איך וויל צוריק...
דאָ איז שוין ווינטער, דאָ איז שוין גראָה...
און דאָרטען בלויזט אַ ווילדער שטראָם,
און ס'רופֿט פֿון באַרג די צויבער=שטים...
דו הערסט זי ניט; איך הער זי יאָ!...

ע ר.

אָה, איצט פֿערשטעה איך, ס אָ נ י א, אַלין:
דו דאַרפֿסט מיך ניט! דו דאַרפֿסט מיך ניט!...

ס אָ נ י א.

איך דאַרף דיך יאָ! דו ווייסט עס ניט...
כ'קאָן אונטערגעהן! עס שוועבען שאָטענס...
די אַלטע שאָטענס שטעהען אויף...
איך זעה איהם דאָ...
ער רופֿט צו זיך... איך דאַרף דיך יאָ!...
איך האָב אַלײן קיין כחות מעהר,

דו העלף־זשע מיר, פערבאָט מיר עס,
דו זאָג מיר נור: איך לאָז דיך ניט.

ע ר.

סאָניא! סאָניא!

ס אָ נ י א.

דו קאָנסט עס ניט! דו קאָנסט עס ניט!...
דו ביזט קיין האַר... מיין האַר איז ווייט.

ע ר.

וואָס רעדסט דו, סאָניא?...

ס אָ נ י א.

כ'ווייס ניט, קינד,
איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך רעד...
עס קלעמט דאָס האַרץ, עס ווילט זיך וואָס....
איך ווייס ניט וואָס! די נשמה בענקט
און זוכט: זי האָט פערלאָרען וואָס...
שוין לאַנג... שוין לאַנג.

ע ר.

דערצעהל מיר, וואָס?

ס אָ נ י א.

ניט איצט, ניט איצט! זייך רוהיג, קינד,
זייך שטיל ביי מיר...
(ע ר ט ו ל י ע ט ז י ך צ ו א י ה ר).

ס אָ נ י א.

אַזוי! אַזוי!
דו ביזט אַ מילדע צאַרטע בלום...
איך בין אַ קאַלטער שטורם־ווינד.

ער.

ווי קאַלט מיר איז...

סאָניא.

איך האָב דיך ליעב...

דער קאַלטער ווינד האָט ליעב די בלום...

(פויזע)

ווי שווער מיר איז... ווי מיעד איך בין!

(פויזע)

מען פייפט, דאַכט זיך,

(ביידע לויפען צו צום פענסטער)

ניין, קיינער פייפט!...

(בלייבען שטעהן פערקלערט).

שוין שפעט!...

סאָניא.

(קוקט איהם אָן און וואַרט).

וועסט געהן אַהיים צו זיך?

ער.

פאַר וואָס?

סאָניא.

כ'בין מיעד!...

(פויזע)

נו, געה, מיין קינד!...

ער.

(זוכט דעם הוט).

איך געה!...

ביי מיר איז דאָרטען איינזאַם, פוסט

און קאַלט...

סאָניא.

מײן ליעבער, איך בין מיעדע!...

ער.

איך געה, איך געה!...

(וויל עפּיס זאָגען)

ווי קאַלט: איך געה!...

סאָניא.

(גיט איהם דעם שליסעל. געזעגענען זיך.
ווי עס פערמאַכט זיך די טהיר, פאַלט זי
מיעדע אויף דער זאָפאַ).

אפשר אַ שטראַהל אַ פעראירטער,
אפשר אַ וואונד אַ פערהיילטע,
אפשר אַנ'אָבקלאַנג אַ פאַלשער...

(לעגט זיך און קוקט אין דער הויך).

(זינגט שטיל)

„אַמאָל האָט אַ יונגפרוי בײם טײכעל געלעבט
„און בעצען פון שטראַהלען אין גין־גאָלד געוועבט...
„אַ יונגלינג אַ שלאַנקער פלעגט קומען צו געהן...

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

צווייטער אקט.

דאָס זעלבע צימער. די זעלבע נאַכט. די לאָמפּ איז פערדרויכערט און צאַנקט. דונקעל.

דער זיידע.

(געהט אריין לאנגזאם)

סאניא.

(הויבט זיך אויף פון זאפא; ערשראקען און פערוואונדערט)

ווער ביסטו? זאג! ווער ביסטו, זאג! איך קאן דיך ניט...

דער זיידע.

דערקאנסט מיך ניט? איך האב אמאל, יוען דו ביזט נאך א קינה געווען, א קליינעם קינד...

סאניא.

אך, זיידע! דאס ביזט דו!

דער זיידע.

גערענקסטו נאך?!
ס'איז גוט אזוי, אויב דו גערענקסט! ס'איז גוט אזוי...
דיין שוועסטער האט פערגעסען אלץ,
דיין שוועסטער איז אין שמה אוועק!...

סאניא.

אך, זיידעניו, מיין שוועסטער איז
פון טיעפען צער, פון איינזאמקייט
אהין אוועק...
ס'איז פוסט און לעער ביי אונז געווען.
ס'איז איינג געווען ביי אונז אין שטוב;
און די איז שעהן און יונג געווען

און האָט געהאַט די לאָקען — שוואַרץ
ווי סאַמעט, ווייך און צאַרט, און לאַנג,
און האָט בּעגעהרט די גאַנצע וועלט
מיט גאָר דאָס ליכט, מיט גאָר דאָס גליק...
און דאָ האָט עמיצן שוין געוואַרט
מיט אַ פּאַרוק און גאָל־געצייג!...
דו מוזט מיין שוועסטער מוחל זיין,
מיין שוועסטער מוזט דו מוחל זיין!...

הער זיידע.

דיין שוועסטער האָט פערגעסען אַלץ,
דיין שוועסטער איז אין שמה אַוועק...
זי האָט דיין טאַטען פאַר דער צייט,
צו פריה, צו מיר אין געסט געשיקט;
זי האָט דיין מאַמען קראַנק געמאַכט...

(שרייט מיט כעס).

און דו? און דו? וואוהין געהסט דו?...

סאָניא.

(רוקט זיך אָב הערשראָקען).

הער זיידע.

(ווייך).

דו האָב פאַר מיר קיין מורא ניט,
איך בין אַ גראָהער, אַלטער איד...
איך וויים פון פּיין, איך וויים פון צער,
אַ טרויער־בּליק, אַ הייסע טרעהר,
אַ בּענגשאַפטס־ציפּין, אַ שווערער קרעכץ —
דאָס וויים איך אַלץ, דאָס פיהל איך מיט:
איך בין אַן אַלטער, גראָהער איד!...
איך האָב דיך ליעב; דיין שוועסטער... אויך;
איך וויים, ווי ס'בּעגנט איהר האַרץ נאָך אונז,

איך ווייס פאַר וואָס זי איז אַוועק
פון אונז אַהין... איך ווייס! איך ווייס,
ווי שווער איז איהר ביי אונז געווען:
די איז אַ צאַרטעס קינד געווען...
די האָט געבענגט, די האָט געזיפצט...
דאָס ווייס איך אַליין, דאָס ווייס איך גוט:
איך בין אַן אַלטער, גראָהער איד...
(בייז).
נור גאָט איז דאָ! אַ גאָט איז דאָ!
דיין שוועסטער האָט אין איהם געפעלשט —
דאָס קאָן איך איהר ניט מוחל זיין.
ער הייסט — איך פאָלג... איך בין זיין קנעכט,
איך מוז אַלץ טהאָן, וואָס נור ער הייסט...
די איז מיין קינד, מיין ליעבעס קינד,
איך וויל זי זעהן, נאָר איך טאָר דאָס ניט.
פערשטויסען מוז איך זי פון מיר...
איך מוז! איך מוז! אַזוי הייסט גאָט!
איך בין אַן אַלטער, פרומער איד...
(בייז).
און דו? און דו? וואוהין געהסט דו?
דו געהסט צו איהר? איך זאָג דיר אָן:
פערשעלטען וועל איך דיך, ווי זי.
אויב דו וועסט אויך... אויב דו וועסט אויך...
וואוהין געהסט דו? זאָג אויס! זאָג אויס!...

סאָניא.
איך געה... איך געה...

הער זיידע.
אין יענער'ס וועג?!

סאָניא.
ניין! ניין!

דער זיידע.

אזוי, מיין קינד, אזוי!

וואוהין־זשע, זאג!

סאניא.

איך געה... אהיים!...

דער זיידע.

אזוי, אזוי, מיין קינד! די מאמע ווארט,

די קראנקע מאמע ווארט אויף דיר...

געה צו צו מיר! וואס שטעהסט דו ווייט?

איך וויל דיך בענשען, ליעבעס קינד!

סאניא.

(רוקט זיך אב פון איהם מיט מורא).

דער זיידע.

דו ווילסט מיין ברכה ניט? פאר וואס?!

דו געהסט אהיים און ווילסט זי ניט?

פאר וואס?

סאניא.

איך געה... איך געה... איך האב

א נייע היים... מיין אלטע היים...

(באלד, באלד! א ווײַלע נור ציה אויף,

איך האב פערגעסען) אויפ'ן הויף

ביים קריצער א מצבה שטעהט...

ווייל... וויל מיין אלטע היים — איז טויט

און איך בעדארף יעצט געהן אהין,

דארט וואו מען בויט דעם צוקונפטס־טהורם...

דער זיידע.

וואס פאר א טהורעם? א בבל־טהורעם!

צום הימעל קריכען, ענטקעגען גאט?

דעב הימעל שפאַלטען, מ׳ט גאָט זיך ראַנגלען,
צו איהם מיט מעסערס צו געהן זיך פֿעכֿטען?
איך וועל ניט לאָזען מיין קינד אַהין געהן!
איך וועל ניט לאָזען!

סאָניא.

איך וועל ניט פֿאָלגען!
איך וועל דיך ראַנגלען!...

דער זיידע.

איך וועל דיך שעלטען,
אויף אייביג שעלטען און... פֿערשטויסען!

סאָניא.

איך וועל ניט פֿאָלגען!

דער זיידע.

וועסט מוזען פֿאָלגען!...

(דער זיידע פֿערשווינדעט. אַ לענגערע פויזע. עס הערט זיך זעהר אַ שטילעס געזאַנג. סאָניא געהט אום הערשראָקען און זוכֿט. לאַנגזאַם געהען אַריין דער טאַטע, נאָך איהם — די מאַמע. די זעצט זיך).

דער טאַטע.

די האָט איהר מאַמען קראַנק געמאַכֿט...
די האָט איהר טאַטע׳ן פֿאַר דער צייט,
צו פֿריה, אַהין אין גרעסט געשיקט...
דיין טאַטע האָט קיין קדיש ניט,
איהר זוהן איז ניט מיין אייניקעל —
אַ צלם טראָגט ער אויף דער ברוסט...
דיין שוועסטער איז אין שמד אַוועק...
(צו דער מאַמען) אַליין דו!...

די מאמע.

הער אויף,
איך בין דאך קראנק!...

דער טאטע.

גאנץ גוט!

די מאמע.

איך בין שוין אלט!

דער טאטע.

גאנץ גוט!...

די מאמע.

איך שטארב דאך אויך!...

דער טאטע.

גאנץ גוט!...
צולאזען האסט דו זי געמאלט,
די חצופה צו דעם שמד געבראכט...
אליך דו! אליך דו!...

די מאמע.

הער אויף! הער אויף!...

דער טאטע.

איך האב פאר'ן טויט דיר אנגעזאגט:
די צווייטע האלטען אין דער היים...
האסט מיין צואה אנגעריהרט:
וואו איז מיין צווייטע טאכטער איצט?
וואו איז די צווייטע — ענטפער מיר!...

די מאמע.

רחמנות האב! כ'בין אלט און קראנק!

די יונגע פֿאָלגען קיינעם ניט;
מיין קינד האָט אויך מיר ניט געפֿאָלגט...

דער טאַטע.

דו האָסט דער מאַמען ניט געפֿאָלגט...
דו האָסט דאָך מיר דאָס צוגעזאָגט,
דו האָסט דאָך מיר געשוואָרען דאַן,
צו פֿאָלגען איהר! האָסט ניט געפֿאָלגט?...
דו געהסט אין יענער חצופה'ס וועג?!
פֿערשאָלטען....

סאָניא.

(שרייט).

מאַמע!

די מאַמע.

שעלט די ניט!
די איז אַנ'עלענד=קינד, הער אויף...

דער טאַטע.

דו הייבסט שוין אָן!...

(עס הערט זיך טריט).

ווער געהט?!

(לויפֿט צום טהיר און הערט זיך צו).

הער פריץ געהט! בעהאַלט דעם רינג!
די אוירינגלעך! טהו אָן דאָס טוך,
ער זאָל ניט זעהן! געה אָב אַהין.

דער פריץ.

(אַריינגעהענדיג).

טו מיעשקאַ זשיד!

דער טאַטע.

(פֿאַלט, קושענדיג דעם פריץ די האַנד).

אי פּאַדאַ דאָ נוג!...

דער פריץ.

אַ, מאַשעק מוי!....

דער טאַטע.

(בוקענדיג זיך).

וויעלמאָזשני פאַן!

(דער פריץ פערשווינדט).

וויעלמאָזשני פאַן!

(כאַפּט זיך אויף).

ר'איז שוין גיטאָ?...

(קוקט פריהער פערוואונדערט; דערזעהט הערנאָך סאָניאַן).

וואָס? אפשר פאַסט דיר ניט, וואָס איך
די האַנד ביים פריץ האָב געקושט?
דו ביסט דאָך אַ היינטוועלטיגע,
דו קענסט דאָך עפּיס דייטשעריש!
נו, זאָג! שפּיי אָן אין פּנים מיר —
מען מעג! דיין רבי הייסט דאָס דיר!
געוויס! איך נעהם דאָך אַלץ פאַר זיך,
צום פריץ געה איך אויך פאַר זיך,
פאַר דיר דאָך ניט: דו לעבסט מיט רוח...

די מאַמע.

אָך, גאָט!

סאָניא.

(צוזאַמען).

מיין גאָט!

דער טאַטע.

דו האָסט אַ גאָט?
איך גלויב דאָס ניט! איך זעה, איך וויס,
דער טאַטע האָט מיר אַלץ דערצעהלט:

דו געהסט אַהין?
(שרייט).
דו טאָרסט ניט געהן!...

די מאַמע.
גענוג! גענוג!
זיי שטיל, דו נאַר,
דו ווייסט קיין זאַך! דו ווייסט וואוהין
זי געהט?
(וואַרט).
זי געהט — צום שטראַנג!...
(די מאַמע פאַלט אין אונמאַכט. סאָניא וועקט זי, דריקט איהר די שלייפען. ווען זי כאַפּט זיך אויף, איז שוין הער טאַטע ניטאָ. ס'איז שטיל. זי זיצט אויף הער זאָפאַ. סאָניא ביי איהרע פיס).

די מאַמע.
איך האָב דיך געוואַשען, מיין קינד,
אין טרעהרען און טוי;
געוואוייגען — בעהאַלטען פון איהם —
מיט זילבער און גאָלד...
געזאַמעלט — בעהאַלטען פון איהם —
און צדקה געטיילט;
און פיעל מאָל געמאָסטען דאָס פעלד,
געוויינט אין דער שול...
די טעג זענען פינסטער געווען,
און איינזאַם — די נעכט.
דערפאַר בין איך אַלט שוין און קראַנק,
דערפאַר בין איך בלינד...
(פויזע).
איך בין דאָך אַ קינד נאָך געווען,

אַנ׳עלענדעס קינד...
מען האָט שוין די שטאַנגען געשטעלט
פון חופה פאַר מיר...
מען האָט מיר דעם קאָפּ אָבגעגאָלט,
געלאָזען אַליין...
און ס׳האָט לאַנג געביינגט און געקלעמט
אין טרויער דאָס האַרץ...
(פויזע.)
דער טאַטע איז ביז געווען, פרעמד,
און דיך האָב איך ליעב געהאַט, קינד...
דערפאַר בין איך אַלט שוין און קראַנק,
דערפאַר בין איך בלינד.
(לענגערע פויזע.)
פאַר וואָס האָסטו מיך אונערבאַרעמט אַזוי
פערלאָזען, מיין קינד?

סאָניא.
אָך, מאַמע, דו ווייסט ניט, דו וועסט ניט פערשטעהן.

די מאַמע.
ניין, הערצעהל...

סאָניא.
איך האָב ניט געקענט דעמאָלט בלייבען ביי דיר...
איך האָב דורך די פענסטער נור שרעקען געזעהען,
איך האָב אומעדום נור זיין שטימע געהערט...
אין צימער ביי מיר האָט זיין שאָטען געשוועבט,
זיין שאָטען געשוועבט האָט אין צימער ביי מיר...

די מאַמע.
זאָג, וועמעס שאָטען?

סאָניא.
דו האָסט איהם געזעהען.

צו מיר פלעגט ער קומען טאָג־טעגליך צו געהן.
אַ שלאַנקער. עס שטראַהלען די אויגען ביי איהם,
מיט דיכט־שוואַרצע ברעמען בעצירט;
עס הענגט אַ בעפעהלענדער שטערען אויף זיי,
אין ראַם פון דער נאַכט אײנגעפאַסט...

(פויזע).

אַמאָל, ביי דער נאַכט... ר'איז געקומען צו מיר
און מיך אין זיין וועג האָט ער געהמען געוואָלט:
„איך געה אין דעם אייביגען וועג צו די בערג,
„איך קען שוין ניט אומוואַנדלען לענגער אין טהאָל;
„איך וויל מיין געליעבטע זאָל אויך געהן מיט מיר!...“

(פויזע).

עס שוועבט דער טוידט אויף הויכע בערג,
און אויף דעם אָבגרונד הענגט דער פעלז...
דאָרט ווערט מען גרויס — אין אונטערגאַנג,
דעם לאָרבער־קראַנץ ברענגט מיט — דער טוידט...

(פויזע).

מיין האַרץ איז געווען צו שוואַך און צו ווייך,
און דו ביסט געלעגען אַ קראַנקע צום בעט...
איך האָב ניט געקאָנט...
ער האָט נור מיר צוויי מאָל געפרעגט, צי איך געה.
עס האָבען די אויגען בעפעהלענד געקוקט
און ס'זענען די ברעמען געווען אָנגערוקט:
„דו געהסט אָדער ניט? דו געהסט אָדער ניט?“
איך האָב דאַן דערהערט אין זיין שטים צו פיעל מאַכט
און ס'איז מיט אַ נאַכט־קעלט פערלאָפען מיין האַרץ
פערגליווערט געוואָרען; איך האָב מיט דעם קאָפּ,
שטום, צוויי מאָל געענטפערט: איך געה ניט מיט דיר!
און שטיל איז געוואָרען; נור עטליכע טריט
צעשיידענע האָבען די שטילקייט גערירט...
און ער איז אַוועק... אין דער פינסטערער נאַכט

האָסט דו נור געקרעכצט, ווייל איך האָב אין האַרץ
מיינע קרעכצען געשטיקט
(פויזע).
און לאַנגזאַם און מיד
פון טרויער און בענקשאַפט, אַ טאָג נאָך אַ טאָג,
האָט שטיל און פאַראומערט געצויגען די צייט
אירע אייביגען שנור...
(פויזע).
און אַ טאָג נאָך אַ טאָג...
ביז איינמאָל האָב איך... זיינע אויגען דערזעהן.
אָך, מאַמע, איך האָב די געזעהן אין דער נאַכט...
דו ביסט אין אַ ווינקעל געזעסען פערטראַכט,
אַ ווינד האָט אין קוימען אַ רעש געמאַכט
און איך בין ביים אייווען געשטאַנען... דו זעהסט...
דו זעהסט, איך געדענק! און די לאָמפּ האָט געברענט
אַזוי פינסטער און טריעב...
אָט העמאָלט האָב איך זיינע אויגען דערזעהן.
זיי האָבען מיט האַס און מיט שנאה געקוקט
און ס'זענען די ברעמען געווען אָנגערוקט
נאָך בייזער, ווי העמאָלט. און עמיץ אַזאַ,
וואָס כ'האָב איהם געפיהלט און ניט געקענט זעהן,
האָט מיר אויפ'ן אויער מיט ראַכע געשיפּט:
„פאַר וואָס ביסטו דאַן ניט געגאַנגען מיט איהם?
„ער וועט דיך פון פעלז איבער'ן טוידטליכען תהום
„און לעבט דאָך אַזוי, ווי ר'האָט קיינמאָל געלעבט,
„און האָט שוין פערגעסען אָן דיר!"
(רייסט איבער).
פערשטעהסט ניט! דו קאָנסט ניט פערשטעהן.

די מאַמע.

כ'פערשטעה!

סאָניא.

איך האָב ניט געקאָנט לענגער בלייבען בײַ דיר.
בײַ מיר האָט שוין טיטוס'עס פֿייגעל דעם מאַרך
געפּליקט און געלעכערט... און איך האָב געמוזט
אַוועקגעהן אַהין, וואו מען שרייט און מען רוישט,
כּדי צו פֿערהילכען, בעטויבען דעם פּיין,
כּדי צו פֿערגעסען...
(שרייט).
איך קאָן ניט!...

די מאַמע.

(ארומהאַלזענדיג).
מיין קינד!
ווי דו ביסט מיעד! ווי דו ביסט קראַנק!
נו, לעג דיך צו... ליעג שטיל... אַזוי...
(פֿערשווינדט).

סאָניא.

(ליעגט מעהרערע סעקונדען אין פֿאָלער שטילקייט).

די אומגעקומענע.

(געהט אַריין לאַנגזאַם. זי טראָגט אויפ'ן האַנד אַ לאָרבער-קראַנץ מיט אַ לאַנגע רויטע סטייגנגע, ווייסע בוכשטאַבען געשריעבען: פֿון איין זייט — „דער אומגעקומענער").

אויף אונפֿערגענגליכע בלעטער
בין איך פֿערשריעבען געוואָרען...
ס'האָבען בעגלייט מיט געזאַנגען
צעהנדליגע טויזענד מיין ארון...

קראַנצען פון בלומען און לאָרבער
און אימטאָרטעלען געטראָגען...
ס'טראָגען מיך הונדערטע טויזענד —
אפשר נאָך מעהר — אין זכרון

(פויזע).

גור איינער וויל מיך ניט דערמאָנען,
איך קאָן אָבער איהם ניט פערגעסען...

(פויזע).

איך האָב איהם גערופען מיט זיך,
איך האָב איהם די פראַכט פון דער וועלט,
איהר גליק און איהר רוהם צוגעזאָגט —
ער איז ניט געגאַנגען מיט מיר...
און איך האָב געוואָלט און געוואָלט
אויפ'ן איינזאַמען וועג... אַליין געוואָלט...
ביז איך האָב אָט דעם קראַנץ געפונען...
דו זעה נור, ווי שווער ער איז. פרוב!...

סאָניא.

(אין אויסערסטען שרעק).

איך וויל ניט!...

די אומגעקומענע.

(אויכמיידענדיג סאָניא'ן, געהט אַרויס לאַנגזאַם).

(געהענדיג).

דו ביסט אַ מיעדעס, קראַנקעס קינד,
טו ליג זשע שטיל.... ליג שטיל... ליג שטיל..

סאָניא.

(לעגט זיך מיעד. עס דאַכט זיך, דאָס זי שלאָפט איין).

די יונגפרוי.

(געהט אַריין. איהר זינגען הערט זיך נאָך

איידער זי קומט אָן. זי זינגט)
אַמאָל האָט אַ יונגפֿרוי בײַם טייכל געלעבט
און נעצען פֿון שטראַהלען און גינ-גאָלד געוועבט.
אַ יונגלינג, אַ שלאַנקער פֿלעגט קומען צוגעהן,
פֿלעגט קומען טאָג-טעגליך צום טייכל צוגעהן.
די יונגפֿרוי דעם יונגלינג האָט פֿאַנגען געוועלט
און האָט אויף זיין וועג איהרע נעצען געשטעלט...
צום טייכל ווי שטענדיג איז דר'יונגלינג געגאַנגען,
ביז וואַנען זי האָט איהם אין ד'נעצען געפֿאַנגען.
ניט לאַנג אָבער האָט זיך דער כשוף געהאַלטען:
ווען ס'האָט פֿונעם הימעל די זון זיך בעהאַלטען,
דאַן זענען מיט איהר אויך פֿערשוואונדען די שטראַה-
לען
און ס'זענען די גאָלדענע נעצען צערפֿאַלען...
ניט לאַנג האָט דעם יונגלינגס געפֿאַנגשאַפֿט גע-
דויערט:
עס זיצט אינעם אָבענד די יונגפֿרוי פֿערטרויערט
און וואַרט אויף דער זון מיט איהר גינ-גאָלד און
שטראַהלען,
און וואַרט אויף דער זון מיט די שטראַהלען.
(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

דריטער אקט.

דאָס זעלבע צימער. די זעלבע נאַכט. די לאָמפּ איז אויסגעלאָשען. פינסטער.

די שוועסטער.

זוך ניט, מיין שוועסטער, אומזיסט:
גליק איז ניטאָ!
איך האָב אַליין עס געזוכט —
גלויב מיר, איך ווייס!
איך האָב האַרטנעקיג געזוכט...

סאָניא.

זאָג מיר נור, וואו?

די שוועסטער.

וואו נור איך האָב עס געקענט....

סאָניא.

וואו? איך וויל איך!...
שוועסטער, וואו ביסטו געווען?

די שוועסטער.

ווייט, אין דער פרעמד....
אפשר געדענקסטו, אַמאָל
איז צו דעם פריץ געקומען אין געסט....

סאָניא.

אָה, כ'ווייס שוין!... מיט איהם אינעם שמד...

די שוועסטער.

יאָ, אינעם שמד... ער האָט צוגעזאָגט גליק!...

(פויזע).

דער פריץ פלעגט קיינמאָל ניט קוקען אויף אונז:

מיר זענען דאָך אונריינע זשידעס געווען.
צו אונז פלעגט ער קומען אין שטוב ווי אין אַ שטאַל;
דער טאַטע מיט חניפה פלעגט קושען די הענד...
אַמאָל, אין די דונקעלע נעכט פלעג איך שטעהן
אויפ׳ן גאַנעק פון קרעטשמע...

סאָניא.

איך אויך!...
איך, שוועסטער, פלעג אויך אַזוי שטעהן אין דער
נאַכט...

די שוועסטער.

און קוקען אַהין... אין דער חורבה ביי אונז
איז פינסטער, פערטרויערט און קוים וואָס עס צאַנקט
דאָס פייערל אין דעם פערדרוכּערטען לאָמפּ...
עס דרעמעלט איין שכור׳ער פויער ביים טיש,
די אַנדערע טרינקען און שרייען משונה
און היכּערען זייער טיטון...
די ווענד זענען שוואַרץ און פערשמוצט,
די לופט איז מיט רויך איבערפילט;
אין שטוב איז קיין דילען ניטאָ,
נור היילע און ברודיגע ערד...
די מאַמע זיצט איינזאַם און מיעד,
געבויגען די פיס אויפ׳ן באַנק,
און ס׳דאַווענט דער טאַטע... ביים שינק,
און שאָקעלט זיך טרויעריג צו....
(פויזע.)
אין אַזעלכע נעכט פלעג איך שטעהן
אויפ׳ן גאַנעק און קוקען אַהין,
וואו עס פלעגט ליגען, בעגאָסען אין ליכט,
דער פריצ׳ישער פאַלאַץ....

סאָניא.

איך אויך!...

די שוועסטער.

ס'פּלעגט קלעמען דאָס האַרץ אין דער שטיל
און בענקען אונענדליך נאָך וואָס...
עס פּלעגט זיך דאַן דאַכטען אַזוי,
דאָס ס'שטעהט אַ חינעדישע וואַנד
צווישען דער אידישער שטוב
און ליכטיגער וועלט... און טיילט אָב
די קינדער פון טרויעריגען שיינק
פון יענע, וואָס זעהען די זון
און הערען קיין קינות־געוויין...
מיט אַמאָל....
געדענקסט איהם?

סאָניא.

יאָ, יאָ, איך געדענק;
ער האָט אינעם פּאַלאַץ געוואוינט...

די שוועסטער.

אָבער ער האָט פון דאָרט
ניט די טוידטליכע שנאה פון אידען און קריסט,
וואָס ליגט אינעם פּאַלאַץ שוין הונדערטע יאָהר,
מיר האָט ער וואָס אַנדערש פון פּאַלאַץ געבראַכט:
(פּויזע).
ער איז מיט ליעבע געקומען צו מיר...
ער איז אַ קינסטלער, אַ מאַלער, געווען;
ר'האָט מיינע אויגען געליעבט...
מיט זיך האָט ער מיך גענומען אַהין,
שאַפען צוזאַמען מיט איהם...

סאָניא.

אָ, דאָס גליק!...

די שוועסטער.

אפשר! מיר האָבען דאָס ביידע געזוכט
און... און געפונען כמעט!...

(פויזע).

שאַפען? מיר האָבען געשאַפען... יאָ, מיר!
ער פלעגט עס זאָגען און איך האָב געגלויבט:
איך בין הער גייסט פון זיין שעפּפונג געווען—
קעניגין פון דער פערצויבערטער וועלט
פון זיין קונסט.

(פויזע).

מיר האָבען געשאַפען און פרוכטבאַר און גרויס
איז ד'אַרבייט געוועזען ביי אונז...
און ס'איז שוין זיין נאָמען געווען אין דער וועלט
דורך הונדערטע טויזענד בעוואונדערט, בעליעבט.
און טאָמער פלעגט קלעמען אַמאָל נאָך דאָס האַרץ
און בענקען נאָך דיר, נאָך דער אַלטינקער שטוב,
און ס'פלעגט זיך דאַן נאָך עפּיס גריבלען אין ברוסט:
„ניט איך בין, נור ער איז בעליעבט און בערייהמט!"—
פלעגט ער שוין אַ ליעבענדער קומען צו מיר:
„מיר האָבען דאָך ביידע נור איינס אין דער וועלט...
ניט טרויער, ניט בענק!"
אָט העמאָלט פלעגט שטילערהייד שוועבען אַרום
דער שאָטען פון גליק...
גליק זעלבסט איז נאָך קיינמאָל געווען

(פויזע).

און הערנאָך... און דערנאָך...
עס זענען די וואונדען צו פריש,
דאָס האַרץ מיינע איז נאָך צו קראַנק,

איך קאָן דיר ניט, שוועסטער, דערצעהלען דאָס אַלץ.
געגנוג, ס׳איז פערשוואונדען אַמאָל
אפילו דער שאָטען פון גליק,
און איך בין געבליבען אַליין,
די נשמה פערגליווערט, פערוויסט,
די יוגענד פערלוירען
(ווייזט די קנייטשען פון געזיכט).
דו זעהסט, ווי צערקנייטשט,
ווי אַלט און ניט שעהן!... און ס׳קלינגט נאָך אַמאָל
די הולדיגע קללה אין קאָפּ...
(פויזע).
דער טאַטע איז טוידט?

סאָניא.

(שאָקעלט מיטן קאָפּ: יאָ!).

די שוועסטער.

און די מאַמע?

סאָניא.

(דרעהט מיטן קאָפּ: ניין!).

די שוועסטער.

די לעבט?
(לענגערע פויזע).
ניין! כ׳קאָן דאָך צוריק שוין ניט געהן:
מ׳דאַרף וויעדער אַהין... וויעדער זוכען... צו ניין?
(ענטשיעדען).
מ׳דאַרף געהן!...

סאָניא.

ניין, געה ניט, מיין שוועסטער, אַוועק,
מיט מיר בלייב! כ׳האָב מורא אַליין...

די שוועסטער.

איך קאָן שוין ניט בלייבען; איך גערה!

(געהט לאַנגזאַם; אָבקעהרענדיג זיך צו סאָ־ניאין).

אָה, זוך ניט, מיין שוועסטער, קיין גליק,
אָה, זוך ניט אומזיסט!...
עס גיעבט נור אַ שאָטען פון גליק...
אַ שאָטען פערשווינדט —
טו זוך ניט אומזיסט!...

(פערשווינדט).

סאָניא.

(זיצט מעהרערע סעקונדען אליין און טראַכט).

די אומגעקומענע.

(געהט אַריין לאַנגזאַם).

סאָניא.

(בּמערקענדיג).

אַ! דו קומסט ווידער! פון וואַנען?

די אומגעקומענע.

פון דער אידיש־חורבּה, פון דעם פאַלטערם שטוב,
פון דער אַלטער קרעטשמע, פון דעם חשך־שענק...
פון די אַלטע שמות, פון דעם קראַנקען האָרב,
פון מה־יפית זינגען, פון דער האַנדעל־גאַס —
אָט פון דאָרטען שטאַם איך... איז מיין יחוס שלעכט?
איז מיין יחוס אפשר מיאוס?

סאָניא.

ניין! איך וויים שוין איצטער אַלין...

די אומגעקומענע.

אַלע דאַרפֿען וויסען דאָס:

פֿון דער חורבה, פֿונעם שענק,

שטאַמט די טרויער אין מיין האַרץ;

ס'האָט דאָס אַלטע שקלאַווען-ליעד

איבערפֿילט מיין גייסט מיט האַס;

און מיין ווילען איז פֿערשטאָלט

אינ'ם פֿייער פֿון דער נייד....

איך האָב אויך געקוקט אַהין,

וואו הער פּאַלאַץ ליגט אין ליכט;

די איז היין נאָך ליכט אַוועק,

איך האָב ליכט אַהער געבראַכט.

פֿון מיין טרויער אינ'ם האַרץ,

פֿון מיין ווילען און מיין האַס

האָב איך אין דער מיטער-נאַכט,

אויף דער אַלטער אידיש-גאַס —

פֿאַקעל געצונדען!...

(ס'הערט זיך אַ קינדיש-געוויין).

סאָניא.

(אין שרעק).

הער עמיץ וויינט!...

די אַלמנה.

(געהט אַריין מיט אַ קליינע יתומה ביי
האַנד).

סאָניא.

(קוקט זי אָן פֿערוואונדערט).

די אומגעקומענע.

דו קענסט זיי ניט?

סאָניא.

גיין!...

די אלמנה.

„איך, דיין מוטער, פיהר דיך, קינד",
איך בין עלענד, גלייך ווי דו;
ביידען האָט ער אונז פערלאָזט,
ביידע וואנדלען מיר אַרום...
יעצט פערשטעהט איך אַלץ, מיין קינד:
ר'איז אַ גרויסער מענש געווען;
ס'האָט ביי איהם אין האַרץ געברענט
שנאה צו דער הענקער־וועלט,
ליעבע צום גערריקטען פאָלק...
ר'איז אַוועק אין אָבענד שפעט;
איך האָב ניט געוואוסט, וואוהין.
ר'איז אַוועק אין אָבענד שפעט.
כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט,
כ'האָב געוואַרט אויף איהם אומזיסט!...
כ'האָב אַ גאָט נאָך דאַן געהאַט:
כ'האָב געיאָמערט אין דער שוהל,
כ'האָב ביי זיי דאָרט אויך געוויינט —
קיינער האָט ניט צוגעהערט:
כ'האָב אויף איהם געוואַרט אומזיסט!...
יעצט פערשטעהט איך אַלץ, מיין קינד;
כ'ווייס ניט, טאָכטער'ל, וואו ער ליגט.
איינער ליגט ער דאָרט אַליין,
און דאָס פעלד איז גרויס און וויסט,
קיין מצבה שטעהט דאָרט ניט —
כ'טראָג נור איהם אין האַרצען טיעף...
(געהען לאַנגזאַם).
קיין מצבה שטעהט דאָרט ניט,

כ׳טראָג נור איהם אין האַרצען טיעף
(פערשווינדען).

די אומגעקומענע.

דו הערסט שוין? דו הערסט שוין? פערשטעהסט?...
דו זוכסט דאָך, ווי איך האָב געזוכט,
ביזט אויך אַזוי אײנזאַם, ווי איך,
טאָ נעהם דיר!
(וויל איהר אָבגעבען דעם לאָרבער־קראַנץ).

סאָניא.

(שרייט אין שרעק).
איך וויל ניט!...

די אומגעקומענע.

(פערשווינדט).

סאָניא.

(געהט צו צום פענסטער; קוקט אָנגע־שפּאַנט אין די פינסטערניש; דערהערט אַ שטים הינטער דעם פענסטער).
די שטים פון דעם אונבעקאַנטען.
איז דאָס אמת אָדער ניט?...

סאָניא.

(שטיל).
דאָס איז ער! דאָס איז ער!..

די שטים.

איז דאָס אמת אָדער ניט?
עמיץ האָט מיר היינט פערצעהלט,
דאָס מיין סאָניא קומט צוריק...
איז דאָס אמת אָדער ניט?....

סאָניא.

(האַלט זיך קוים אויף פון אַ פרעהליכען לאַכען).

אפשר אמת! איך וויים ניט!...

די שטים.

סאָניא געהט צוריק צו מיר,
סאָניא מוז דאָך געהן צו מיר,
ווייל זי טראָגט מיין רינג ביז יעצט,
רינגען זענען קייטען דאָך,
רינגען שמיעדען מענשען איין,
זיי צעררייסען קאָנסט דו ניט!
אמת האָט ער מיר פערצעהלט?...

סאָניא.

(ווי פריהער).

אפשר אמת... איך וויים ניט!...

די שטים.

דו ווייסט ניט, היינט ווער=זשע וויים?
האָט ער ליגען מיר געזאָגט?

סאָניא.

(ווי פריהער).

האָט ער ליגען דיר געזאָגט!...

(זי וואַרט. קיינער ענטפערט ניט. שרייט!).

וואָס ביזטו פערשוואונדען!... איך האָב דאָס...
צוריק קום! איך רוף דיך! צוריק קום!...

דער אונבעקאַנטער.

(געהט אַריין).

דו האָסט מיך גערופען... אָט בין איך ביי דיר!
ווען איך האָב גערופען, האָסטו ניט געפאָלגט...

סאָניא.

הערמאַן ניט!

דער אונבעקאַנטער.

און איצטער, ועסטו געהן שוין מיט מיר?
עס איז אָבער אפשר צו שפּעט!..

סאָניא.

צו שפּעט?

דער אונבעקאַנטער.

די איינציגסטע ביזט דו געוועזען ביי מיר,
איך האָב דיך בעגעהרט און געליעבט,
איך האָב דיך גערופען מיט זיך,
איך האָב דיר בעוויזען געוועלט
פון בארג פון דעם העכסטען די פּראַכט פון דער וועלט;
איך האָב דיך גערופען, דו האָסט ניט געפאָלגט,
און איך בין אַליין אין דער ווייטענס אַוועק...
ביי .ענע, וואָס געהען אין דער ווייטענס אַליין,
קריכט צייטענוויז אום אַ פערצווייפלונג אין האַרץ
און ס'דאַכט זיך: עס איז שוין די יוגענד פערביי
און די פערגייענגליכע צייט
שפּרייט אויף די שוואַרצע האָר אוים
דעם טויט-גראָהען פראָסט...

(פויזע).

אַט העמאָלט האָט מען מיר דערצעהלט וועגען דיר,
דאָס דו האָסט... איך זעה, דו ווערסט בלייך!... —

ער.

(געהט אריין און שטעהט הינטער סאָניאַן.
זי זעהט איהם ניט).

דער אונבעקאַנטער.

אַז דו האָסט אַ פרעמדען געגעבען מיין רינג...

סאָניא.

וואָס רעדסטו?!

דער אונבעקאַנטער.

אָט זעה נור!

סאָניא.

(קערט זיך האַסטיג אָב און שרייט:).

איך...

ער.

איך...

סאָניא.

דו ווייסט ניט! דו ווייסט ניט!

(צו איהם).

דיך האָב איך ניט ליעב!

(צום אונבעקאַנטען).

ער איז פרעמד מיר געווען.

איך האָב אָבער איינע אַליין ניט געקאָנט,

כ'האָב וועמען עס איז דאָך בעדאַרפט געבען זיך

אין ד'פינסטערע נעכט....

דער אונבעקאַנטער.

„געבען זיך"... „געבען זיך"....

„אין ד'פינסטערע נעכט"... איז ער דאָרט געווען?

(געהענדיג).

אויב ער איז געווען געבען דיר,

וועל איך שוין ניט זיין

(געהט אָב).

דער.
(געהט נאָך דעם אונבעקאַנטען).

סאָניא.
אָך געהט ניט, אָך געהט ניט אַוועק!...
(זי לויפט נאָך ביז דעם פענסטער און בלייבט דאָרט שטעהן, ס'הערען זיך די שטי- מען פון זיידען און פון דעם אונבעקאַנ- טען).
דאָס איז ער און... דער זיידע!
ווי קומען זיי בידע אַהער?...

דער אונבעקאַנטער.
...מיר זענען דאָך...
(לענגערע פויזע נאָך יעדען זאַץ).

דער זיידע.
...כופרים בעקר...

דער אונבעקאַנטער.
...קינדער פון פאָלק...

דער זיידע.
...פונ'ם שטן.

דער אונבעקאַנטער.
...אידישע קינדער,
נור נייע און יונגע...

דער זיידע.
אַ! נייע אידען...
מעסער-געפעכטען...

דער אונבעקאַנטער.
...מענשען און אידען...

שטאָלצע און דרייסטע...
קינדער פון פאָלק!...

דער זיידע.
(גיהט אריין).

סאָניא.
אך, זיידע!

דער זיידע.
וואס איז דיר, מיין קינד?
האָב ניט קיין מורא, איך וועל דיך ניט שעלטען!...
איהר זענט די יונגע... געהט אייער וועג!
מיר האָבען אָבגעלעבט אַנדערש דאס לעבען,
מיר זענען גרים געווען אויף דער ערד!...
תמיד געפייניגט דעם זינדיגען גוף,
תמיד גע'כשר'ט אין גוף די נשמה,
תמיד דעם נאָמען פאַר'ן דומה גע'תור'ט...
מיר זענען גרים געווען אויף דער ערד!...
איהר זענט שוין אָבער גאָר אַנדערע, נייע;
איהר אין מלחמה די ערד ווילט געווינען....
איהר זענט די יונגע... געהט אייער וועג!...

סאָניא.
(איז געווען טיעף פערטראַכט, האָט כמעט ניט געהערט, וואס דער זיידע האָט גערעדט. זי רייסט איהם איבער:)
אך, זיידע! ער האָט מיך געלאָזען אליין...

דער זיידע.
אליין? ער? פאַר וואס?

סאָניא.
ניין! דאס פרעג ניט ביי מיר!

דאָס קאָן איך ניט קעהרען צוריק,
דאָס איז שוין פערפאַלען, פערפאַלען...
ער האָט מיך פערלאָזען דערפאַר.

דער זיידע.

נו, וואָס זשע קאָן דער זיידע טהאָן,
נו, ווי זשע קאָן ער העלפען דיר?
דיין האַרצען איז מיט טרייער פול,
פון אַלטע ספרים ווייס ער נור,
דאָס דאָ איז אַליין נור צרות, פיין,
דאָס — הכל הבל: גליק און פרייד,
דיין בענקשאַפט און דיין ליעבע אויך
ועט מוזען אונטערגעהן אין טוידט.

סאָניא.

(ציטערט).

דער זיידע.

און דו ביזט יונג און זוכסט דאָס גליק,
היינט וואָס זשע קאָן דער זיידע טהאָן,
היינט ווי זשע קאָן ער העלפען דיר?
(קוקט איהר אָן).
דו ביסט דאָך זעהר מיעד, מיין קינד,
טו לעג דיך צו... און ליג נור שטיל...
(פויזע).
דו ווילסט דאָס לעבען? לעב זשע, קינד,
און טראַכט ניט מעהר...
(געהט שטיל אַרויס).

סאָניא.
(שלאָפט איין).

(עס הערט זיך ווי אַ פֿרויען־שטים זינגט שטיל:)

„אַמאָל האָט אַ יונגפֿרוי ביים טייכל געלעבט
„אין נעצען פֿון שטראַהלען און גינ־גאָלד געוועבט...“
„אַ יונגלינג, אַ שלאַנקער פֿלעגט קומען צוגעהן,
„פֿלעגט קומען טאָג־טעגליך צום טייכל צוגעהן“

(דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט לאַנגזאַם).

פיערטער אקט.

דאָס זעלבע צימער. עס שטעהען אין ווינקעל אַיינגע־
פּאַקטע קאָפּערס. — פרידה־מאָרגען. אין דער קווער ציהט
זיך פון פענסטער אַ ברייטע סטיינגע שטראַהלען. ס'איז
זעהר ליכטיג.

ערשטער גאַסט.

ניין?

סאָניא.

ניין!
איך ניין!
ס'וויל ניט דאָס האַרץ...
געפאַנגען פון לאַנג,
פערלאָפען מיט קעלט,
ציהט עס אַהין,
ציהט עס אין נעץ....

ערשטער גאַסט.

נעכטען האָט עס אַנדערש געוועלט.
פייכט איז געוועזען דער בליק,
פינקען געשימערט אין אויג.
ווער האָט פערלאָשען דעם פונק?

סאָניא.

ווער האָט פערלאָשען? די נאַכט.
ווי האָט איהר נעכטען געזאָגט:
עמיצער רופט מיך פון דאָרטען,
רופט מיך צוריק פון הער פרעמד?
וואַרט מען שוין אפשר אויף מיר.

ער.

קומט אָן. ער בעמערקט, אַז דאָ האָט מען
אָקאָרשט אַנאײנטימען שמועס געהאַט. ביי־

הע, ער און הער גאַסט, פיהלען זיך פערלע־
גען; הער ערשטער גאַסט איבערלעגט זיך
און געהט אָב.

ער.

הערצעהל מיר דעם אמת. איך קאָן שוין ניט מעהר!

סאָניא.

דעם אמת! איך קאָן שוין מעהר אויך ניט...

ער.

הערצעהל!

סאָניא.

(נאָך א קורצע פויזע).
איך האָב דיך ניט ליעב!

ער.

אַ!

סאָניא.

הער רוהיג מיך אוים!
זעהסט?
(ווייזט איהם דעם רינג אויף איהר פינגער).

ער.

סאָניא! איך האָב דאָך ניט איינמאָל געפרעגט....

סאָניא.

איך האָב ניט געקאָנט דעמאָלט בלייבען אַליין;
מיין האַרץ וואָלט פערגליווערט געוואָרען אין קעלט,
מיין האַרץ וואָלט פון בענקשאַפט זיך מוזען פערגעהן,
ווען קיינער זאָל העמאָלט ניט זיין נעבען מיר....
איך האָב דיך בעדאַרפט!...

(פּ ו י ז ע).

פון איין שטיקעל גאָלד,

גאָר ניט לאַנג, האָבּען מיר די צווי רינגען געשמידט...

און דיינעם טראָג איך נאָך בּיז יעצט;

ער מיינעם?

(צ י ט ע ר ט).

ווער ווייסט?

(בּ י י ז).

צולייב דיר!

ניין! דו בּיסט ניט שולדיג אין דעם,

ניין! א י ך האָבּ פערלוירען מיין וועג,

און שולדיג איז ע ר, ווייל ר'האָט מיך פערסמ'ט

און איך בּין שוין שכור געווען און געזוכט...

ע ר.

וואָס רעדסט דו?

ס אָ נ י א.

דו קאָנסט ניט פערשטעהן

(פּ ו י ז ע).

און דאָך וועל איך פאָהרען...

ע ר.

אַליין?

ס אָ נ י א.

היינט מאַכט מיר ניט אויס. אויבּ דו ווילסט, טו פאָהר אויך...

דער צווייטער גאַסט.

(געהט אַריין).

ניט געשלאָפען היינט בּיי נאַכט.

מיט אַנ'אויג ניט צוגעמאַכט,

אָט איז אַ גאַלט!

(קוקט זיך אום און בּעמערקט די קאָפּערס).

רוחות קדושים!

האָט איהר זיך דאָך אײנגעפּאַקט...

פלאי־פלאים!

דריטער גאַסט.

(קומט אָן; קענטיג, אַז ער איז גרייט אין וועג).

צווייטער גאַסט.

פלאי־פלאים.

איהר פאָהרט אויך?

ערשטער גאַסט.

ס'טייטש: אויך?

צווייטער גאַסט.

(ווייזט איהם די קאָפּערס).

אָט, קוקט!...

(צו איהם).

און דו פאָהרסט אפשר אויך?

ער.

איך... איך...

צווייטער גאַסט.

נו, נו, דו בּלייבּסט! דו בּיסט אַ וואוילער יונג!

שאַ, ווער געהט נאָך?!

פיערטער גאַסט.

(געהט אַריין).

צווייטער גאַסט.

אַהאַ! דער ירושלמי!

און איהר פאָהרט ניט?

פיערטער גאַסט.

וואוהין?

צווייטער גאַסט.

קיין ציון פאָהרט איהר ניט?

פיערטער גאַסט.

לאָזט צורוה!

צווייטער גאַסט.

אַלע פאָהרען,
בנאמנות, צעהנדליגווייז...
גליקליכע פּאָרלעך, שלישית'ען טראַגישע,
יונגע און אַלטע בערנער תושבים —
ציהען זיך אַלע ווי שנירלעך פון יטוואַלבען...׳

דריטער גאַסט.

ניטאָ וואָס צו לאַכען!

צווייטער גאַסט.

איך לאַך ניט!
לאַכען — לאַך איך קיינמאָל ניט.
איך קוק מיך צו צו אַלעמען,
איך שמייכעל אויך אַמאָל,
אָבער לאַכען — קיינמאָל ניט...
ווען איך זאָל זיין ווי איהר, ווי ער
(ווייזט אויף דעם III-טען)
ווי סאָניא, וואָלט איך אויך געלאַכט,
געוויינט, געווען צופריעדען, ביז:
איהר ווילט וואָס טהון, איהר טהוט דאָך וואָס...
און איך בין נור — אַ צוזעהער.
די וועלט איז גרויס און גוט און שעהן,
און אויב איהר ווילט: אויך שלעכט און מיאוס:

עס ווענדט זיך, ווי מען קוקט אויף איהר
(פּויזע).
אַזוי איז היינט אַלץ גוט און שעהן,
אַשאַדען נור, וואָס סאָניא אויך
פאָהרט אָב מיט אייך... אָט מיר מיט איהם
וועט פעהלען וואָס אָהן אייך.
ניט אמת, זאָג!

ער.

(שטעהט ביים פענסטער און קעהרט זיך
ניט אָב).

ערשטער גאַסט.
(קומט אָן אונבעמערקבאַר).

צווייטער גאַסט.
עס וועט ניט זיין
וואוהין אַמאָל אין אָבענד געהן
און זיצען שטיל און... דאָס פערדריסט
(צו איהם).
און וואָס זאָגסט דו? צוריק אַהין
אין אונזער בעמיע-קיך?... איין זאַך
איז אין לאַבאָראַטאָריום שעהן —
די פּייערלעך. ניט אמת, אפשר, סאָניא?

סאָניא.
יאָ, אמת! וואונדערבאַרע פייערלעך,
אַ שאָד די פייערלעך!...

צווייטער גאַסט.
אַהאַ, איהר זעהט!
בלייבט דאָ!

ס אָ נ י א.

(ט י ע ף פ ע ר ט ר אַ כ ט).

ניין!

דאָרטען ברענען אַנדערע,

מען דאַרף אַהין.

מען דאַרף געהן צו זיי, צו די ווייטע, קוים בעמערק־באַרע, צו די שימערענדע פייערלעך.

אין שוואַרצען אָבגרונד קומען אַלע אום, נור ע פּ י ס בלייבט. זוכט דאָס ע פּ י ס!...

אינעם לעבען ליגט בעהאַלטען עפּיס, ליגט פערזויבערט. קיינער ווייסט ניט, ווי די צויבער־מאַכט צו בייקומען און דאָס אייביגע קערן פון לעבען געפינען. נור אַלע זוכען... זוכט דאָס קערן!...

דאָרטען, דאָרטען ווייט, זענען נייע ליכטער געצונדען. דאָרט וועט זיך אפשר דאָס לעבען ענטפלעקען און בעווייזען זיין אייביגעס קערן. אפשר, אפשר!...

און מענשען דאַרפען געהן אין דער ווייטענס, צו די נייע ליכטער, און זוכען, און זוכען: אפשר וועלען זיי געפינען! זוכט דאָס עפּיס, זוכט דאָס קערן!...

פ אָ ר ה אַ נ ג.